NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11987

MAYZELE SHARFTSEYNDL

David Roykhel

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א.

זיצט זיך די אַלטיטשקע באָבעשי און דערציילט אירע אייניקלאך וואונדער-שיינע מעשהלאך פונם ווייטן, ווייטן „ערגיץ-לאנדי״: פון די קלאָרע זילבער טייכלאך מיט די גאָלדענע פישעלאך; פון גרינע לאָנקעס, מיט שיינע בלי-מעלאך איבגעצירט; פון די ווייטע פעלדער מיט די גאָלדענע זאנגען; פון די געדיכטע וועלדער, וואו פייגע-לאך זינגען אזוי שיין,— נאר דאָס איז נאָך ניט דאָס

מַעֲשֶׂהלע אליין, דאָס דערציילט זי גלאט אַזוי זיך, דאָס אֶמתע מַעֲשֶׂהלע, דערציילט די גוטע באָבעשי ערסט איצט.

זייט זשע קינדערלאך שטיל און שאַ און דאָס מַעֲשֶׂהלע איז אַזאַ:

איבער ווייטע פעלדער, איבער פוסטע וועלדער, ערגיץ אין אַ ווייטער מְדִינָה האָט אַ מאָל געלעבט אַ רייכער ייד. און דער ייד איז געווען זעהר פרום און גאָטספאָרכטיג און ער האָט געטון אַלץ וואָס גאָט און פרומע גוטע לייט הייסן. און אַלע האָבן געוואוסט פון דעם יידענס גוטסקייט און האָט זיך ביי ווערמען אַ אומ. גליק געטראָפן, האָט ער זיך באַלד צום יידן געווענדעט און ער האָט אים געטרייסט און פון דער צָרָה ארויסגע. האָלפן; האָט ביי ווערמען ברויט אויסגעפעלט, איז ער גלייך צו דעם יידענס שייער געגאַנגען און האָט זיך דאָרט גענומען ברויט און תְּבוּאָה, וויפיל ער האָט גע. דאַרפט האָבן. און גאָט האָט געבענשט דעם יידן מיט אַלדאָס גוטס; און אַלץ, וואָס נאָר ער האָט געטון איז גאָטס בְּרָכָה געווען אין דעם און ער איז געווען רייכער פון אַלע מענשן [illegible] אַט דער דאָזיגער מְדִינָה. און די תְּבוּאָה אויף דעם יידענס פעלדער פלעגט תָּמִיד געראָטן און אים אַריינברענגען צען מאָל אַזוי פיל, וויפיל ער האָט געזייט. און ער פלעגט די תְּבוּאָה נאָכן שניט אויפקלייבן, בינדן אין גאַרבן, און די גאַרבן צו זיך אין שייער ברענגען. און אַזוי פלעגט זיך דער ייד אויפפירן: אין שייער פלעגט ער די גאַרבן איבערציילן און אָראָפּ. נעמען מַעֲשֵׂר *) און עס אָוועקליינן אין אַ זייט און זאָגן:

*) אַ צענט חלק פון דער גאַנצער תבואה.

– דאָס זאָל געהערן צו די אָרימעלייט, צו די, בײ וועלכע ס'פעלט אוים ברויט צום עסן.

איינמאָל איז זיך וואָראָבײטשיק אין זיין נעסט, אונטערן דאַך פון דעם שייער געזעסן און האָט צוגעזעהן אַלץ, וואָס דער ייד טוט: ווי ער נעמט יעדן צענטן גאַרב און לייגט אַוועק אין אַ זייט פאַר די אָרימעלייטס װעגן. האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז פייל אוים בויגן אַוועקגעפלויגן צו זיינע חבֵרים אָנזאָגן זיי די גוטע בשׂוֹרה.

– טשיוו, טשיוו, טשיריק! – האָט ער זיך אויף אַלע כֵּלים צושריען: – חֶבְרָה, גיכער אַ הער! דער ייד האָט אַ פולן שייער מיט תְּבוּאָה אָנגעבראַכט און פאַר אונז וואָראָבײטשיקעס אַפולן בוידעם מיט קערענדלאַך צוגעגרייט!

דאָ איז צו אים צוגעלאָפן מייזעלע און האָט זיך אויף אים אָנגעבייזערט:

– שאַ, זעה נאָר דעם רַעַש וואָס ער האָט דאָס אָנגעמאַכט! אַט באַלד קומט צופליהען די גאַנצע מִשְׁפָּחָה זיינע און ס'וועט ווערן אַ געכאַפּעריי, אַז קיין איין קערענדל וועט אַפילו ניט איבערבלייבן, און בײ וואָס וועלען מיר ביידע בלייבן?

ב.

מִילָא, וואָס זאָל געבאַך וואָראָבײטשיק טון? אַווראַי וואָלט ער וועלן, אַז חֶבְרָה זאָל אויך הֲנָאָה האָבן, נאָר ער האָט פאַרט מוֹרָא פאַר מייזעלען מיט אירע

שאַרפע צײנדלאַך, איז זיך װאָראָבײטשיק שטילערהײט פון דאַך אַראָפּ און האָט זיך צוריק אין נעסטעלע אומגעקערט. נאָכדעם איז ער צו מײזעלעס נאָרע צוגע- פלויגן, אין טירעלע אָנגעקלאַפּט און אויף אַ דינעם קָלכל געזאָגט:



װאָראָבײטשיק נגיד.

— טשיריק, טשיוו, טשיריק! ווייסטו נאָר וואָס מײזעלע, לאָמיר בײדע מאַכן אַ שותּפֿות. די נעסטעלאַך אונזערע וועלן מיר מאַכן נאָהענט איינס פון אַנדערן: איך אונטערן באַלקן און דו אונטער דער פּאָרלאָגע און מיר וועלן זיך בײדע טײלן מיט די קערנדלאַך: דיר אַ קערענדל און מיר אַ קערענדל.

מײזעלען איז עס וואויל געפעלן און זיי האָבן טאַקע אַזוי געטאָן.

פון דעמאָלט אָן האָבן זיי זיך ביידע געלעבט בְּשָׁלום און זיך געטיילט מיט אַלץ, וואָס גאָט האָט זיי צוגעשיקט. און אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען איין יאָר, דאָס צווייטע און דאָס דריטע. איינמאָל, אויפן פערטן יאָר האָט זיך דער ייִד אַרומגעזען, אַז דער שייער איז צעפּוילט און האַלט ביים איינפאַלן. האָט ער באַלד געהייליק אַראָפּגעבראָכט אין האָט זיך גענומען אויפשטעלן אַ נייעם שייער. און אַז ס׳האָט די נייע תְּבוּאָה פון די פעלדער אַראָפּגעבראַכט, האָט מען זי שוין אינ׳ם נייעם שייער אַריינגעפירט. און אַז מ׳וועלע האָט זיך אַרומגעזען, אַז וואָס מיט אַ טאָג ווערן די קערענדלאַך אינ׳ם שייער אַלץ ווייניגער און ווייניגער און קיין נייע קומען נישט צו, איז זי געפאַלן אויף אַ סֵבֶל: לָמאי דאַרף זי זיך דאָס טיילן מיט וואָראָביטשיקן, אַז זי קאָן אָט די אַלע קערענדלאַך פאַר זיך צונעמען. געזאָגט און געטאָן, זי האָט באַלד גענומען אַרבעטן מיט אירע שאַרפע ציינדלאַך און האָט אין סאַמע מיטן פאָדלאָגע אַ לאָך געמאַכט און די קערענדלאַך האָבן זיך גענומען אַראָפּשיטן, גלייך צו איר אין נאָרע אַריין. וואָראָביטשיק האָט זיך דעמאָלט אויף דער פרייער וועלט מיט חֲבֵרָה אַרומגעיאָגט און האָט פון גאָרניסט נישט געוואוסט.

ג.

פאַרנאַכט איז וואָראָביטשיק צוריק אַהיים געקומען און האָט זיך געלייגט שלאָפן. אין דער פריה, אַז ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך אויסגעבאָדן און איז גלייך אין שייער אַוועק, נעמען אַ פּאָר קערנדלאַך צום איבערביסן. ערשט — קיין איין קערענדל איז נישטאָ

וואוהין האָבן זיך דאָס געקענט אַהינטאָן די קערנדלאַך? ער לויפט אַרום פון ווינקל צו ווינקל, זוכט, נישטערט און נישטאָ. לויפט ער צו צו מייזעלעס נאָרע און קלאַפּט אָן אין טירעלע:

— טוק, טוק, טשיוו, טשיריק, טשיוו! גוט מאָרגן, איז שוין מייזעלע אויפגעשטאַנען?

מייזעלע-שאַרפציינדל

און מייזעלע ענטפערט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ געשרייען? פאַרנעם זיך פון דאַנעט. אַפילו שלאָפן לאָזט מען מיך נישט!

וואָראָביטשיק איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן און האָט דורך אַ שפּעלטל צו מייזעלען אין נאָרע אַריינגעקוקט און אַז ער האָט דאָרט דערזען אָט דעם גאַנצן אוצר־קערנדלאַך, האָט ער זיך נאָך העכער צושריען:

— אַזוי גאָר! אָט וואוהין די קערנדלאַך זיינען אַהינגעקומען! שעמען שעמסטו זיך, מייזעלע! אָט אַזוי נאַרט מען עס אָפּ אַ שותּף? מיר האָבן דאָך עפּעס געהאַט

אָפּגעריסן, אַז מיר דאַרפֿן זיך טיילן מיט יעדער קערענדל און איצט, וואו איז דיין יושר?

—אי־אי־אי,—האָט זיך ביזעלע צעלאַכט.—דער חכם האָט זיך אין פאַראַיאָריגן סניי דערמאָנט. וואָס געווען איז פאַרפאַלן און איצט וויל איך פון נאָרנישט ניט וויסן. און וואָס האָסטו זיך דאָ אַנידערגעשטעלט, ווי אַ גולם. טראָג זיך אָפּ פון דאַנעט, אַ ניט...

וואָס זאָל נעבאַך וואָראָביטשיק טון? נעמט ער זיך אָן מיט האַרץ און קלאַפּט נאָך אַמאָל און צו מיזעלען אין טירעלע און בעט זיך ביי איר, זי זאָל אויף אים רחמנות האָבן און אים שענקען כאָטש אַ פּאָר קערענדלאַך צום איבערבייסן. מיזעלע איז אָבער פון נאַרע אַרויסגעלאָפן און איז אויף אים מיט אירע שאַרפע ציינדלאַך אָנגעפאַלן, און דער אָרימער וואָראָביטשיק איז פון דאָרט קוים מיטן לעבן אַוועק.

ד.

האָט עס וואָראָביטשיק שוין מער ניסט געקענט איבערטראָגן און איז באַלד אויפן דאַך אַרויף און האָט זיך ביטער צעוויינט. אויף זיין געוויין זיינען פון אַלע זייטן אָנגעפלויגן זיינע חברים און האָבן אים אַרומגערינגעלט און אָנגעהויבן אויסצופרעגן, וואָס ס'האָט מיט אים פּאַסירט. וואָראָביטשיק האָט זיי פון אַלץ דער־ציילט, ווי ער האָט מיט מיזעלען שותפות געמאַכט און ווי יענע האָט אים אָפּגענאַרט און שלעכטס געטון. חברה האָט די זאַך גענומען באַקלערן, נאָכפאָרשן און האָבן באַשלאָסן: באַלד זאָלן זיך אַלע אויפהייבן, און אַוועקלאָזן זיך

צום לייב, צו דעם מֶלֶךְ פון די חַיוֹת, און זיך קלאגן פאר אים אויף מיזועלען, פאר דעם אומרעכט, וואס זי איז באגאנגען קעגן זייער חָבֵר דעם וואראביטשיק. הייבט זיך חֶבְרָה אויף און פליהט אוועק. פליהען זיי

ביים מלך פון די חיות.

און פליהען ביז זיי קומען צו א געדיכטען וואלד, וואו ס'וואוינט דער מֶלֶךְ פון די חַיוֹת. שטייט ביים סאמע

ברענ וואלד א וואך און לאָזט זיי וויטער ניט פליהען. זאָגן זיי דער וואך, אז אַזוי און אַזוי און זיי טוען זעהן דעם מֶלֶךְ, שיקט מען אַ באַזונדערן שטאַפעט, אָנצופרענן בײם מֶלֶךְ, וואָס מ׳זאָל טון. קערט זיך דער שטאַפעט אום און זאָגט: „אַרײנלאָזן״.

איז חֶבְרָה גלײך אין וואַלד אַוועק און זײנען געקומען צום מֶלֶךְ פון די חַיוֹת. שטעלן זיי זיך אַוועק פאַר אים און הײבן אַלע מיט אַמאָל אָן צו דערצײלן. ווערט א געפילדער, א רעש און געפײפערײ פון ווײסרע אלעמענס קולות און מ׳קאָן קײן וואָרט ניט הערן. און דער לײב, וואָס האָט זיך גאָר געקליבן צו נײן שלאָפן, האָט אַ גענעץ געטון, זיך אויפגעצויגן און געזאָגט:

— זענט איר געקומען גלאַט אַזוי זיך, אבי אָנצומאַכן אַ רַעַש און א געפילדער — איז כאַרס, ווײל איך וויל שלאָפן! טאָמער ווידער זענט איר אהער געקומען מיט א גערעכטער טַעֲנָה און איר פאַרלאַנגט מִשְׁפָּט און גערעכטיגקײט — איז קאָן מען אלעמען פאַר אײנמאָל ניט אויסהערן. קלײבט אויס פון אײך א עלטסטן און זאָל ער רײדן.

איז אַרויסגעטרעטן אײנער א אַלטער וואָראָביטשיק, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר קלינער און געניטער פון די איבעריגע, און איז צום מֶלֶךְ פים געפאַלן און האָט אַזוי געזאָגט:

— אדוני קיניג, מיר פאַרלאַנגען גערעכטן מִשְׁפָּט! אונזער חָבֵר וואָראָביטשיק האָט געלעבט בְּשְׁכֵנוּת מיט דײן קנעכט, דעם מײזעלע. און אפגערעדט האָבן זיי געהאַט, אז אַלץ, וואָס ס׳געפינט זיך בײם רײכן ײדן אין שײער, איז געהערט

זיי ביידן, און זיי דאַרפן זיך מיט יעדער זאַך טיילן האַלב אויף האַלב. איז אַט אַזוי האָבן זיי זיך אָפּ-געלעבט קיילעכדיגע דריי יאָר. ביז איינמאָל, אַז די קערענדלאַך אין שייער האָבן גענומען אויסגיין, האָט מייזעלע, דאָס וואָרט געבראָכן און האָט בגנבֿה אין דער פאָדלאָגע אַ לאָך דורכגעבויערט און אַלע קערענלאַך האָבן זיך צו איר אין נאָרע אַראָפּגעשאָטן און אונזער וואָראָביישיק איז געבליבן ביי נאָרניסט. אומזיסט האָט ער זיך ביי מייזעלען געבעטן, זי זאָל אויף אים רחמנות האָבן און אים אומקערן כאָטש אַ קליינעם טייל פון די קערענדלאַך, מייזעלע אָבער האָט אים אפילו נישט געוואָלט איינהערן, נאָכמער זי איז נאָך אויף אים אָנגעפאַלן און אונזער חבֿר איז פון איר קוים אַ לעבעדיגער אַוועק. בעטן מיר דיך, אדוני קיניג, זיך אָננעמען די קריוודע פון אונזער חבֿר און באַפעלן מייזעלען צו באַשטראָפן און וואָראָביישיקן זיין חלק קערענדלאַך אומקערן; און טאָמער וועסטו, אדוני קיניג, אונזער שטים נישט צוהערן, און מייזעלען נישט באַשטראָפן, טאָ זיי וויסן, אַז מיר וועלן זיך ווענדן צו אונזער קיסר, צום אָדלער, אַז ער זאָל זיך אונזער קריוודע אָננעמען.

— איר האָט עס נאָך פון אָנהייב אָן אַזוי געדאַרפט טאָן — נייט אייך געזונטערהייט צו אייער קיסר און מיך לאָזט צורוה!

און דער לייב האָט זיך גלייך אויסגעצויגן און איז איינגעשלאָפן.

ה.

מיט אַ רעש און געצווויטשעריי האָט זיך חבֿרה אויפגעהויבן און זיינען אַוועקגעפלויגן צו זייער קיסר,

צום אָדלער, מיט אַ אָנקלאַג אויפֿן מֶלֶךְ פֿון די חַיוֹת און אויף זיין קנעכט, דעם מייזעלע.

דער קיסר פון די פייגל.

פליהען זיי און פליהען ביז זיי קומען צום אדלער־בארג. דאָרט וואו דער קֵיסָר פון די פייגל זיצט אויף זיין טראָן און טוט מִשְׁפָּטן זיינע קנעכט.

קומען זיי פֿאַר איהם און פאַלן אים צו די פיס און דערציילן: אַזוי און אַזוי, אדוני קעניג, איז געוועזן די מַעֲשֶׂה

און מיר בעטן דיך, דו זאָלסט זיך אָננעמען אונזער קריוודע.

דער אָדלער האָט זיי אויסגעהערט און האָט באַלד באַפוילן:

— זאָל מען אהער אַראָפּברענגען דעם טרומייטער!

און באַלד שטייט שוין דער שריי־פויגל מיטן טרו־מייטער פאַרן קעניגליכן טראָן בערייט צו טון, אַלץ, וואָס זיין האַר, דער קעניג וועט באַפעלן.

און דער אָדלער האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— נעם דיין טרומייטער און רוף צונויף אַלע מיינע גבורים. לאָז זיך איבער די ווייטע, נעדיכטע וועלדער און זאַג אָן, אַז ס'איז געקומען דער גרויסער טאָג פון מלחמה. זאָג אָן מיין חיל, די אַלע שפּאַרבערס, פאַלקן, האָביכטן, די סאָווע און דעם אוהו. זיי זאָלן זייער גאַנצן חיל צונויפזאַמלען, די שנאָבלען זאָלן זיי שאַרפן און זייערע נעגל אָנשפּיצן — ס'וועט זיין אַ מלחמה אויף טויט און אויף לעבן; און צו דער מלך פון די חיות, צום ווידערשפּעניגן לייב, זאָלסטו אַזוי זאָגן: „ווייל דו ווייסט נישט ווי אַזוי דיין קעניגרייך צו פירן, און ווייל דו ביזט נישט בכוח צו האַלטן דיינע קנעכט אין מורא און אין שרעק, אַז זיי זאָלן אויף קיינעם נישט אָנפאַלן און קיינעם קיין שלעכטס נישט טון. און ווייל דו האָסט נישט אָפּגעהיט אונזער בונד, אַז שלום און גערעכטיגקייט זאָל הערשן צווישן אונזערע ביידע קעניגרייכן, איז דעריבער זיי ווייסן, אַז איך מיט מיין גאַנצן חיל וועלן מאַרגן אָנפאַליען אויף דיין קעני־גרייך, כּדי צו לערנען דיך משפּט און גערעכטיגקייט!"

און דער לייב, וואָס האָט זיך שוין פאַר דער צייט

געהאט אויסגעשלאָפן, אז ער האָט איבערגעהערט די רייד
פֿון דעם קָלִית איז ער מיט גרויס צאָרן פֿון זײַן טרון
אויפגעשפרונגען און האָט גענומען אַ ברום; און פֿון אַלע
עקן וואַלד זײַנען זיך צונויפגעלאָפן אַלע בערן, וועלף,
טיגערס און אַלע גרויסע און קליינע חיות פֿונעם גאַנצן
קיניגרײַך און האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף מלחמה, אויף
יענער זײַט וואַלד, לעבן אַלטן דעמב.

ו.

און נעכטן איז עס אײַבּן צווייטן טאָג און ס'איז
אויף זי אָנגעפלויגן אַ גאַנצע מחנה פֿון די ברייטפליגל-
דיגע מיט זייער קיסר, דעם אָדלער און דער שפּיק.

אוהב איבערסרעקער

און די ביידע מַחֲנוֹת האָבן זיך געשלאָגן דריי שָׁעָה דורכ־אַנאַנד, און ווי האָבן איינער דעם אַנדערן נישט געקאָנט ביקומען; און אַז ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט און די ברייט־פלינעלדינע האָבן באַקומען די נייע מַעֲרָב־כּוחות, די סאָוועס און דעם אוהו, איז מייזעלע געווען די ערשטע, וואָס איז פון מִלְחָמָה־פעלד אַנטלאָפן. און אַז מ׳האָט דאָס דערציילט דעם לייב, איז ער פון זיין אָרט אויפגעשפרונגען און האָט מיט צאָרן אויסגעשריען:

די סאָווע

— אַך, דו מייזעלע־גַנָב, די נישטיגע נאָרע־קריכערין! צוליב דיר איז דאָס די גאַנצע מִלְחָמָה, צוליב דיר האָב איך זיך געשלאָגן, איינשטעלענדיג דערביי מיין לעבן און דאָס לעבן פון מיינע טרייע קנעכט! און איצט אַז ס׳איז געקומען צו עפּעס וואָס אַנטלויפסטו! באַלד זאָל מען דאָס כְּלֵי־זַיִן אָוועקליינן און דעם שׂוֹנֵא איבערבעטן! און ווען

מײזעלען זאָל זײַן אַזױ: איר נאָנט האָב און נוטס זאָל אױפֿקנעפּלען װערן צום װאָראָבײטשיק, און איר אַלײן זאָל מען ברענגען פֿאַרן מִשְׁפָּט פֿון די ברײטפֿלינגלדינע און װי יענע װעלן פּסקענען, איז אַזױ זאָל דאָס זײַן!

די שטאָפּעטן זײַנען אַרױס אױפֿצוזוכן מײזעלען, נאָר זײ האָבן זי אין ערגיץ ניסט געפֿונען, מ'זאָגט, אַז זי האַלט זיך אױף ערגיץ אין אונזערע קאַנטן.

װאָראָבײטשיק װידער איז רײַך געװאָרן און אַלע טאָג פֿלעגן צו אים זײַנע חֲבֵרים קומען און ער פֿלעגט זײ מְכַבֵּד זײַן פֿון דער פֿולער האַנט. מ'פֿלעגט טרינקען און מ'פֿלעגט הוליען און דערצײלן מַעֲשւה'ס װעגן מײזעלע־סאַרפּצײנדל און װעגן װאָראָבײטשיק נָגיד, און װעגן זײער קֵיסָר, דעם אָדלער, װאָס האָט זיך זײַן קרײדע אָנגענומען און מִלְחָמָה געהאַלטן מיטן לײב, דעם מֶלֶך פֿון די חיות.

3288

פאַרלאַג „אַנהויב“.

1. מייזעלע טאַרפּציינדל און וואָראָבייטשיק נגיד פּרייז 50 ק.
2. ר׳ מרדכילע. שלמה המלך און דער אַשמדאי „ 60 ק.
3. האַנס אַנדערסען. דיימעלע. „ 1 ר
4. ד׳אַמיטשיס. ווי אזוי אַ יינגל איז אַרומ- געגאַנגען אַרום זיין קראַנקן טאַטן „ 50 ק.
5. אַ מעשה וועגן פּעטער קוואַק, ווי ער האָט געלעבט און וואָס ס׳האָט זיך מיט אים פאַרלאָפן „ 75 ק.
6. פ יי ג ע ל א ך „ 1 ר
7. ד׳אַמיטשיס. דער קליינער פלאָרענטישער איבערשרייבער „ 50 ק.
8. שלמה המלכס משפט „ 40 ק.
9. ביי די מוראַשקעס צו גאַסט „ 1.25 ר.
10. ד אָ ס ק ו כ ע ל ע „ 50 ק.
11. אַמי פּאַלם. לאַללי און איר הינטערע פילקע „ 1.25 ר.
12. ע. סעטאָן-טאָמפּסאָן, דער פוקס און זיין געזינדל „ 1.75 ר.

איינציקער פאַרטרייבער:
ביכער-לאַגער „קולטור ליגע“, קיעוו,
גרויס-וואַסילקאָווער 43.

פּרייז 50 ק.